# שיעור 99 בענין גזירת הכספים ע"י הרב שמואל אליעזר פריעדמאן שליט"א



מיטן אויבירשטנס הילף וויל איך דא ארום רעדן דעם מצב החינוך כהיום וואס עס טוט זיך אפ אין די מוסדות. כ'וועל זיין א הולך רכיל ומגלה סוד – אויסזאגן פאר די עלטערן וואסערע געפערליכע לימודים מ'לערנט מיט זייערע קינדער אין די היימישע מוסדות און ביי לימודי קודש. איך רעד נישט פון די לימודי חול, דאס איז א פרשה פאר זיך. אונז רעד מיר דא פו די לימודי קודש.

אונז זענען מיר זיך דא צוזאמען געקומען בסיעתא דשמיא כדי צו מחזק זיין די מוסדות על טהרות הקודש. אונז נעם מיר נישט קיין איין פרוטה פון די רעגירונג און דער באשעפער האט געהאלפן ברוב רחמיו וחסדיו אז טראץ די אלע שוועריקייטן האלטן זיך אין איין מערן יעדן טאג מער און מער מוסדות וואס ווילן זיים אפגעהאקט אינגאנצן פון די ממשלה, מער און מער עלטערן שטעלן אריין דארט זייערע קינדער בעזה"ש, פארשטייענדיג די נחיצות נישט צו זיין אנגעקניפט מיט דעם שולחן של איזבל.

עם כל זאת זענען נאך דא אזוינע וואס דרייען זיך ארום מיט שאלות און קשיות: וואס איז דער תועלת דערפון, וואס פעלט עס אויס, וואס איז דער פראבלעם אז מ'נעמט יא געלט, כי כל העדה כולם קדושים, אלעס איז די זעלבע, אלו ואלו דברי אלוקים חיים, הללו והללו, אלע מוסדות לייגן אריין יראת שמים אין די קינדער, די אלע וואס נעמען געלט פון די רעגירונג, זינגען אויך דעם ניגון אז מ'איז נישט משנה קיין זוז כל שהוא, די רעגירונגס מוסדות זאגן אויך אז זיי פירן זיך על דרך הסלולה והמקובל. מילא, פארוואס פעלט אויס זיך אנצושטרענגע און אהערשטעלן מוסדות על טהרות הקודש, אפגעהאקט פון די רעגירונגס געלטער, וואס איז שלעכט אזוי ווי ביז יעצט. יא – אמת: 'מ'זאגט טאקע פאר די רעגירונג אז מ'גייט זיך צושטעלן און מ'זאגט אז מ'שטעלט זיך צו, מ'איז אזוי ווי די פובליק סקול, סובסטענשעל עקוויוועלענט, אבער דאס איז נאר סתם אזוי געזאגט - מ'זאגט אזוי פאר די רעגירונג. למעשה בפועל לערנט מען די זעלבע וואס מ'האט געלערנט אמאל".

מ'פרובירט איינצורעדן פארן עולם אז א זאך וואס מ'האט אמאל נישט געלערנט און נישט עוסק געווען מיט די קינדער, דעס טוט מען היינט אויך נישט, און די לימודים וואס מ'לערנט יא, דאס איז פונקטליך, אבער טאקע ממש מדויק אזוי ווי אלע דורות. (אזוי עכ"פ פארקויפט מען פארן ציבור). מילא פארוואס זאלן מיר געבן ריזיגע סכומים און זיך אנשטרענגען, לאזן קאסטן געלט, אויב אין די רעגירונגס מוסדות לערנט מען אויך די תורה ממש כמתינתן מסיני. אזעלכע און ענליכע דיבורים קען מען אמאל צוריקהערן פון עשירים וואס מ'גייט צו זיי נאך געלט.

דע אמת איז אבער אז די ווערטער קענען נאר געזאגט ווערן פון אזעלכע וואס האבן נישט קיין אנונג, זיי האבן נישט קיים השגה וואס עס טוט זיך אפ אין די מוסדות כהיום. וואס מ'לערנט מיט די קינדער בפועל, נישט וואס מ'זאגט, אז מ'לערנט. מענטשן בדרך כלל האבן נישט די געדולד, מ'האט נישט די צייט, די כח, די נערוון אפילו נאר פשוט צו קוקן מיט אביסל שימת לב וואס זייערע קינדער ברענגען אהיים פון חדר אדער פון מיידל סקול. מענטשן האבן נישט די כוחות זיך מתבונן צו זיין אין צענדליגער און אפשר הונדערטער שינוים וואס ווערט אריינגעברענגט יעדן טאג מידי יום ביומו אין די רעגירונגס אינסטיטושענס הנקרא מוסדות התורה והחינוך. זיי כאפן נישט אז ווער ס'האט די מאה, דער האט די דעה. ס'איז נישט מעגליך צו נעמען געלט און נישט וועלן זיי צופרידן שטעלן. מ'האט נישט קיין השגה די עכטע ביטערע מצב וואס עס טוט זיך אפ אין די רעגירונגס מוסדות, איינער מער איינער ווייניגער, אבער הצד השוה שבהן אז מ'פרובירט זיך צוצושטעלן צו די רעגירונג. מ'רעדט נישט דא פון קלייניקייטן, מ'רעדט דא פון 'יסוד היסודות ועיקרי הדת'.

דער בעשעפער האט אזוי צוגעפירט אז שוין איבער דריי יאר זענען מיר עוסק אין די סוגיא. עלטערן האלטן אין איין ברענגען פארשידענע צעטלעך, פארשידענע ביכער וואס ווערט אהיימגעשיקט מיטי די קינדער, וואס מ'לערנט אין די מוסדות. און ליידער א יעדן איינציגן טאג ווערט דער מצב ערגער און ערגער, ס'איז אין לך יום שאין קללתו מרובה מחבירו.

כדי מ'זאל זיך כאפן וואס דא טוט זיך, האב מיר אונז מיטגעברעגט אפאר דוגמאות, אפאר צעטלעך בנוגע סיפור יציאת מצרים וקריעת ים סוף פון צוויי גאר גרויסע היימישע מוסדות, וואס אין יעדע פון די מוסדות לערנען טויזנטער קינדער. פון דעם קען מען זען אפס קצהו פון וואס ס'טוט זיך אפ כהיום, מיט וואס מ'שטאפט אן קינדער א יעדן טאג.

נאר איין הקדמה פאר מ'טיילט אויס די צעטלעך. אונז זעמיר בכלל נישט דן אויף די מוסדות אדער אויף די מענטשן וואס פירן די מוסדות, ס'איז נישט אונזער עסק. אונז רעד מיר דא פון די השפעה וואס די לימודים האבן אויף די קינדער. יעדער איינער זאל פראבירן זיך מתבונן

צו זיין ווען א קינד קוקט אן דעם צעטל, וואסערע רושם מאכט עס אויף עם, וואסערע אפעקט עס האט אויף עם. צו לייגט דער צעטל אריין אין עם יראת שמים און אמונה אדער טוט עס פונקט דאס פארקערטע, ס'קילט אפ רח"ל די אמונה וואס ער האט שוין יא.

אונז הייב מיר אן מיט איין מוסד וואס מ'האט אהיימגעשיקט מיט קינדערגארטן פארגאנגענע וואך פרשת בשלח תשפ"ג, א גאנצן קונטרס וואס מ'האט געלערנט אין חדר. אונז גיי מיר נישט ארומגיין די אלע שינוים מיט וואס די קונטרס איז פול, דאס דארף א שמועס פאר זיך. אונז וויל מיר פשוט ווייזן אפאר קורצע משלים וואס מ'האט דא געטון.

וואס מ'האט ראיינגעברעגט די לעצטערע צייט אין די רעגירונגס מוסדות איז דער ענין פון פלעי'ס ביי די יונגלעך. א יעדע וואך אדער איין מאל אין אפאר וואכן מאכט מען א פלעי וואו מ'שפילט אויס די סדרה. פארשטייט זיך אז דאס איז אלעס בלי שום שינוי, מ'האט אלע יארן געמאכט פלעיס פון די פרשה ביי די יונגלעך יעדע וואך, אזוי שטעל איך מיר פאר. אויב ס'איז אלעס בלי שום שינוף, דאן האט מען געוויס אלע יארן געמאכט פלעיס... אין די אסיפת מלמדים האט דער רבי זיכער ארומגערעדט ווי אזוי די פלעיס דארפן אויסקוקן.

די פארגאנגענע וואך פרשת בשלח האבן זיי געמאכט א פלעי פון פאפאגיי'ס. וואס עפעס פון פאפאגיי'ס? פאר וואס נישט פון די פרשה - אזוי ווי יעדע וואך. פרשת בשלח האט אין די פרשה קריעת ים סוף מלחמת עמלק, און לשיטתם אז מ'דארף מאכן א פלעי, איז דאך דא אזויפיל זאכן וואס מ'קען אויסשפילן. מאך א פלעי ווי די יודן גייען דורך דעם ים סוף און די מצריים ווערן דערטראנקען. ס'איז דא אזוי פיל זאכן וואס קענען אריינברענגען אמונה - וואס עפעס א פאפאגיי? דער תירוץ איז אז "פייגלעך האבן דאך אויפגעגעסן דעם מן וואס דתן ואבירם האבן איבערגעלאזט, און היות מ'רעדטו שוין פון פייגלעך און א פאפאגיי איז דאך אויך א פייגל, איז דאך ממש א דבר בעתו מה טוב אז מ'זאל יעצט מאכן א פלעי פון פאפאגיי'ס". מ'האט שוין געטראפן א צושטעל אויך אז 'עס איז דאך יעצט חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות, פייגלעך זענען דאך אויף א בוים, במילא רעדט מען פון פאפאגיי'ס'.

די קשיא איז ווייטער א קשיא: פארוואס האט מען נישט געמאכט די פלעי פון די פרשה אזוי ווי יעדע וואך. ביי פרשת בא האט מען געמאכט פון ארבה חושך, (טאקע מכת בכורות נישט, וואס ברוי נאך א תירוץ), אבער ארבה חושך האט מען געמאכט, און פארוואס דא האט מען נישט געמאכט פון קריעת ים סוף. מה נשתנה די סדרה פון קריעת ים ומלחמת עמלק וואס פאר דעם איז יתרו געקומען, פון אלע אנדערע פרשיות. אויבן אויף לאזט זיך זאגן עפעס א שטיקל השערה, עפעס זעט אויס: "מ'האט נישט געוואלט מאכן א פלעי פון קריעת ים סוף". בדרך אפשר קען זאגן דעם טעם: 'ווייל קריעת ים סוף איז א זאך וואס אלע אפיקורסים האבן דערמיט א פראבלעם. קריעת ים סוף איז א נס וואס קיין איין כופר האט נאך נישט געקענט טרעפן עפעס א טבעיות'דיגן הסבר ווי אזוי דעס האט געקענט געשעהן'. דער כופר קוריקיולום האט וועגן דעם געמוזט באשאפן עפעס א קריעת נילוס. און מיט דעם אלעם דערמאנט טאקע נישט דער כפירה'דיגער קאדעש קוריקיולום אז די מצרים זענען דערטראנקען געווארן. 'מ'האט געקראסט די נילוס - ס'איז געשפאלטן געווארן, אבער דאס איז עס. במילא, אפילו טאקע מ'וועט רעדן פון קריעת ים סוף, אבער א פלעי, דאס שוין נישט. א פלעי מאכט מען דאך נאר ווייל די רעגירונג וויל מ'זאל מאכן א פלעי, קען מען דאך נישט מאכן א פלעי וואס וועט ארויסברענגען דעם קריעת ים סוף וואס איז דער היפך פון וואס די רעגירונג וויל. אזוי וואלט מען אויבן אויף געקענט זאגן בדרך אפשר.

טראכט דאך אוודאי יעדער: פפששש: "א נייע קאנספיראציע", ס'איז א פריש געבאקענע תורה: 'דער מוסד האט א פראבלעם צו ווייזן קריעת ים סוף - וואס נאך גייסטו דא אויסטרעפן'. איך וואלט אויך אזוי געטראכט, אבער אדרבה, ניתי ספר ונחזי. לאמיר זעהן צו עס איז טאקע סתם א דמיון צו נישט. לאמיר ארויסנעמען די צעטלעך און אויסטיילן פאר יעדעם איינעם און זיך טאקע איבערצייגן אויב ס'איז סתם א דמיון אדער נישט.

מ'האט אהיימגעשיקט מיט די קינדער אויך בילדער. אין די בילדער שטייט אז ס'איז גענומען פון דעם ביכל 'די הילף פארן קינד'. איך האב מיטגעברענגט קאפיס פון די ארגינעלע בילד פונעם קונטרס 'די הילף פארן קינד' און די קאפיס וואס מ'האט אהיימגעשיקט מיט די קינדער. אין די ארגינעלע בילד זעט מען א קריעת ים סוף, די ים איז געשפאלטן. אונטן שטייט : "די יודן זענען אדורך דעם ים אויף די טריקעניש, און דאס וואסער איז געווען פאר זיי א מויער פוןביידע זייטן". מ'זעט טאקע ווי די יודן גייען אדורך דעם ים. – א חלק זענען נאך אינעם ים, א חלק זענען שוין אינדרויסן פונעם ים. יעדער וואלט פארשטאנען אז ווען ס'שטייט אינעם צעטל אז די בילד איז גענומען געווארן פון 'די הילף פארן קינד', מיינט עס אז מ'האט געמאכט קאפיס

און אויסגעטייטלט פאר די קינדער. ביז דערווייל איז - ווי וואס ווען. ווען מ'קוקט אריין אין בילד זעהט מען טאקע אז ס'איז דער בילד, אבער מ'האט איין זאך ארויסגעשניטן: "די אלע יודן וואס זענען אין ים זענען נישטא"- נעלם געווארן - הילד איננו. מ'זעט אז די ים איז געשפאלטן, מ'זעט אז די יודן שטייען ביי עק פון ים, אבער דורכגיין דעם ים, ניין - דעס נישט.

אונטן די ווערטער האבן זיי אויך צענזורירט. דא אין די ארגינעלע שטייט: "די יודן זענען אדורכגעגאנגען דעם ים אויף די טריקעניש און די וואסער איז געווען פאר זיי ווי מויער פוןביידע זייטן". ווידעראום אין די צעטלעך וואס מ'האט אהיימגעשיקט מיט די קינדער שטייט: "די יודן זענען דורכגעגאנגען דעם ים סוף". זעט אויס אז זיי האלטן פון דעם לעולם ילמוד אדם בדרך קצרה...

די קשיא איז - פארוואס איז מען געגאנגען ארויסנעמען דעם בילד. די גרינגסטע וועג איז דאך צו נעמען דעם ארגינעלן בלעטל און מאכן קאפיס און אויסטיילן פאר די קינדער, אנשטאט דעם איז מען געגאנגען און ארויסגעשניטן דאס אויבנדערמאנטע. מ'האט אריינגעלייגט כח און מח כדי עס ארויסצונעמען, דאס מיינט אז עפעס האט דא געשטערט מיט דעם בילד. זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט אז די קינדער זאלן זעהן ווי די יודן גייען אדורך דעם ים, השם ישמרינו.

אין א אנדערע דוגמא זעהט מען ווי מ'זינגט בבקעך ים סוף, וואס גראדע די ווערטער פונעם ניגון איז זייער שיינע ווערטער, מ'רעדט פון אמונה ווי די יודן האבן געזעהן דעם אויבירשטנס גרויסע האנט. איז אבער דא דארט צוויי בילדער, איינס איז דער בילד פון וואס אונז האב מיר יעצט גערעדט, ווי דער חלק פון די יודן וואס גייען אדורך דעם ים איז ארויסגעשניטן - די צווייטע, אויך גענומען פונעם הילף פארן קינד. אט דער צווייטער בילד, ווערט געזען אינעם ארגינעלע ביכל ווי די יודן קומען ארויס פון ים און האבן געזינגען שירה פארן אויבירשטן. מ'זעט דארט פילע טויזנטער יודן - א חלק זענען שוין אינדרויסן פון ים א חלק זענען נאך אין ים. מ'זעהט ווי עס איז געשפאלטן - מרים מיט די פרויען (עס איז נישט קיין בילדער פון עכטע מענטשן) קלאפן מיט די פויקן און די יונגלעך טאנצן. מ'זעהט צעהן פופצן מענטשן וואס זענען שוין ארויס פונעם ים, כאפן זיך אן און טאנצן. לכאורה וואלט מען בלויז געדארפט מאכן קאפיס און אויסטיילן פאר די קינדער. אנשטאט דעם האבן זיי געטון די זעלבע זאך, כמעשהו בראשון כך מעשהו בשניה. **'דער גאנצער בילד ווי אזוי דער ים איז געשפאלטן און יודן גייען אדורך דעם ים - איז נישטא - עס איז פארשוואונדן'.** וואס דען איז דא? מ'זעט א וואסער, מיט בלויז עטליכע יודן אין די זייט וואס טאנצן. עס זעהט אויס ווי מ'האט געזאגט קידוש לבנה ביי א לעיק און יודן טאנצן טובים מאורות. מ'האט געטוישט דעם גאנצן בילד. האב מיר דא צוויי בילדער וואס מ'האט ארום געטוישט.

ואם ישאל השואל: 'מאן יימר, אפשר האבן זיי געהאט א פעלער'דיגן ארגינעלן ביכל', קען דאך נישט זיין ווייל אויפן שער בלאט פונעם קונטרס וואס מ'האט אהיימגעברענגט מיט די קינדער איז יא דא דער ארגינעלן בילד. דארט איז דא דער גאנצער בילד כמות שהוא. דאס וואס זיי האבן ארויסגענומען ביי די לימודים אין שולע געפינט זיך דארט. וועט מען זיך וואונדערן: 'וואס גייט דא פאר, פארוואס דא יא און דא נישט. דער תירוץ איז: 'די בילד וואס מ'שרייבט אויפן שער בלאט איז סך הכל געמאכט פאר די עלטערן אהיימצושיקן, עס איז נישט געמאכט פאר די קינדער צו קוקן. די אלע בלעטער וואס מ'שיקט אהיים אונטערן נאמען "שאלות - נייע פראגראם - ארטס - מעלדונגען - קינדערגארטן איינס – קינדערגארטן צוויי - קינדערגארטן וועלט", דארט איז נישטא קיין פראבלעם צו לייגן דעם געהעריגן בילד. און אדרבה זאלן די עלטערן מיינען אז מ'גיט טאקע די ארגינעלע בילדער פון 'א הילף פארן קינד'. אבער די בילדער וואס מ'גיט אין גרויס פאר די קינדער צו קאלערן, דארט מוז מען ארויסנעמען די בילד ווי די יודן גייען אדורך דעם ים סוף. איך האב דא דעם בילד וואס א קינד האט טאקע געקאלערט און די בילד איז ארויסגענומען.

איך האב אויך מיטגעברענגט שאלות פון א טהרת הקודש מוסד, פון א מוסד וואס נעמט נישט קיין געלט פון די רעגירונג. אין אט דעם מוסד איז דא צוויי זאכן וואס מ'זעהט אנדערש. קודם זעהט מען אז אין די שאלות האלט מען אין איין רעדן פון אויבירשטן. דאגעגן **אין די שאלות פון אנדערע מוסדות וואס נעמען יא געלט פון די רעגירונג, ווערט קיין איינמאל נישט דערמאנט דער אויבישטער.** קען זיין ס'איז בטעות. מ'האט נישט געכאפט, מ'האט נישט באמערקט, אבער דער מציאות איז אז עס עקזעסטירט נישט אז א שאלה זאל זיין וואס דער אייבישטער האט געטון. דאס זעלבע ביי די ענטפערס. עס פאסירט פשוט נישט. ווייטער ווען מ'קוקט אין די שאלות צעטלעך פון א מוסד על טהרות הקודש, שטייט אזוי: וואס האט דער הייליגער באשעפער געמאכט ווען דער לעצטער מצרי איז אריין אין וואסער. ווי אזוי האט דער אייבישטער געמישט די מצריים אין די וואסער. וואס האט דער אייבישטער

געהייסן פאר משה אריינצולייגן אין די וואסער ס'זאל ווערן זיס. וואס האט דער אייבישטער אראפגעשיקט פון הימל צו עסן פאר יודן. און אזוי גייט עס כסדר. זעהט מען דאך דעם מה בין בני לבן חמי - דער חילוק אויב מ'נעמט יא אדער נישט קיין געלט. דער האט נישט קיין קריעת ים סוף און דער האט יא קריעת ים סוף.

עס איז אויך דא א בילד ווי אזוי די מצריים לויפן נאך די יודן און ווערן דערטראנקען אין ים. אט דער בילד שטייט נישט אין דעם צענזורירטן קונטרס. דא האט מען אפילו נישט איינגעשטעלט עס צו געבן פאר די קינדער דורך די עצה פון ארויסשניידן חלקים פונעם בילד. דא האט מען עס געמוזט אינגאנצן אויסלאזן. די זעלבע אין דעם כופר קוריקיולום, ווערט אויך ארויסגעלאזט דעם ענין אז די מצריים זענען דערטראנקען געווארן. דאס טאר נישט זיין.

אין ליקוטי אורה ווערט געברענגט פון רבי'ן ז"ל אז ווען די יודן זענען אדורך דעם ים האבן די אפיקורסים געזאגט אז ס'קען זיין א טבעיות'דיגע זאך. דער ים ווערט אמאל נידעריג אדער לויפט עס אינגאנצן אוועק, אבער ווען דיע מצריים זענען דערטראנקען געווארן זענען זייערע מיילער פארשטאפט געווארן און האבן געמוזט מודה זיין אז עס איז א אצבע אלוקים. דאס זעהט מען א גאנצע צייט אז די מינים וכופרים וועלן זיכער מאכן אז ס'זאל נישט זיין אין ערגעץ א בילד ווי די מצריים זענען דערטראנקען געווארן. און דא זעהט מען נאכמען אז אפילו דאס אדורכגיין דעם ים האבן זיי אויך ארויסגעשניטן.

נאך א זאך. ווען מ'זעט ווי אזוי דער ענין שטייט צווישן די מצריים און די יודן און די מצריים שיסן פיילן מיט שפיזן אויף די יודן און די וואלקענעס האבן עס אריינגענומען וואס איז דאך אן אפענער נס און מען לערנט עס מיט די קינדער אין די מוסדות על טהרת הקודש, אבער דער קנטרס האט נישט דעם בילד.

און אויב עס איז נאך אלץ נישט גענוג און עס איז נאך אלץ דא א מקום לבעל הדין לחלוק אז מ'כאפט זיך סתם ארויף און מ'ווארפט אומזונסט אן א נאסע ליילעך, קען מען זיך עס איבערצייגן ווען מ'גיט א קוק אויף צוגעשריבענע ווערטער אונטן וואס איז אויך צענזורירט. דא אין די ארגינעלע הילף פארן קינד שטייט: 'די יודן זענען אדורך דעם ים אין די טריקעניש, און די וואסערן פון ים איז געווען פאר זיי א מויער פון ביידע זייטן', און אין די צעטלעך וואס מ'האט אהיימגעשיקט מיט די קינדער אז ארויסגענומען די פארציילונג אז 'די וואסער איז געווען א מויער פון ביי זייטן', עס שטייט סתם אז די יודן זענען אריבער דעם ים. איז ווייטער די שאלה: 'פארוואס האבן זיי עס ארויסגענומען', איז דען נישט גרינגער סתם צו מאכן קאפיס. אלא מאי, זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט פארציילן פאר די קינדער חוועגן קריעת ים סוף.

יעצט וויל מיר פרעגן א שאלה: 'דעס וואס אונז האב מיר געטראכט פריער אז מ'האט נישט געוואלט מאכן קיין פלעי און אויסשפילן פאר די קינדער קריעת ים סוף איז טאקע סתם א דמיון - ס'איז טאקע סתם א קאנספיראציע - ס'איז א הוילע פאנטאזיע – אפשר איז דאס ארויסצושניידן די יודן פון אין מיטן דעם ים, אויך סתם א דמיון.

אין דעם קונטרס איז אויך געשטאנען א בילד פון די מן. אין די ארניגעלע בילד זעט מען אסאך געצעלטן, בערך צען אין צאל. מ'זעט ווי די מן פאלט אראפ ביי יעדנס געצעלט. איך וועל פארלייענען די ווערטער וואס שטייט אונטן, צו זען די חילוק פון די ארגינעלע ביז די צענזורירטע: יעדן אינדערפרי אין געפאלן מן פאר די יודן אין די מדבר.  יעדער האט געמעגט קלויבן נאר איין עומר פאר א מענטש. עס שטייט אויך צוגעצייכנט דאס לשון הפסוק, "הנני ממטיר לכם לחם מן השמים" וכו'. דא אין דעם ביכל וואס מ'האט אהיימגעשיקט פאראגאנגענען דאנערשטאג מיט די קינדער, האבן זיי צענזורירט דעם בילד. מ'איז געגאנגען און ארוסגעשניטן כמעט דעם גאנצן אויבערשטן טייל פונעם בילד, מ'האט איבערגעלאזט נאר דריי געצעלטן. אנשטאט וואס עס זאל אויסקוקן ווי אסאך, זעהט מען נאר דריי געצעלטן, און דריי יודן וואס בייגן זיך אראפ און קלויבן אויף אזעלכע סארט קערעלעך. מ'האט עס פארגרעסערט ס'זאל נישט אויסקוקן כאילו מ'האט נאר געמאכט א האלבן בילד. פארוואס האט מען עס געטון? איך וועל זאגן א השערה. ווייל "ווען מ'וואלט געזעהן אסאך געצעלטן און ביי יעדעם איינעם'ס געצעלט איז דא מן, איז עס דאך א מורא'דיגער נס, שספק צרכינו במדבר ארבעים שנה, אבער אויב מ'זעהט נאר דריי געצעלטן און מ'זעט דארט קערעלעך, קען דאך זיין אז עפעס האט זיך דארט אויסגעגאסן, עס איז נאכנישט מוכרח אז עס איז א נס". איי אפשר איז עס ווייטער א אויסגעטראכטע זאך - קען זיין. איך בין מודה אז ס'איז נאר א השערה. אבער פארוואס האבן זיי אחוץ דאס אויסשניידן דעם בילד, אויך צענזורירט די ווערטער. פארוואס האבן זיי געשריבן: 'די יודן האבן געגעסן מן אין די מדבר'. זיי האבן געטוישט פון די ארגינעלע 'הילף פארן קינד' ווי ס'שטייט: 'יעדן אינדערפרי אין געפאלן מן פאר די יודן אין די מדבר'.  צו די פארעווע ווערטער פון: 'די יודן האבן געגעסן מן אין די מדבר'.

מורא'דיג. ס'איז דא אזעלכע וואס עסן סושי, ס'איז דא אזעלכע וואס עסן פיצא, די יודן האבן געגעסן מן אין די מדבר. האסט דאך נישט ארויסגעברענגט דעם נס, דעס אז הנני ממטיר לכם לחם מן השמים, דאס האסטו דאך פארפעלט.

ואם ישאל השואל: 'מה להם לצרה צו נעמען אלטע בילדער און עס שניידן און פוצן, נעם א מעלער און מאל פרישע בילדער'. דער תירוץ איז: 'מ'וויל נישט דער עולם זאל כאפן אז מ'האט געטוישט - מ'איז דאך נישט משנה'... אויב מ'וועט זעהן אז מ'האט פליצלונג אנגעהויבן מאכן נייע בילדער האט מען דאך משנה געווען. אזוי זאל דער עולם מיינען אז ס'איז בלי שום שינוי כל שהוא, ווער גייט זיך נעמען די מי מדמה צו זיין מילתא למילתא צו זעהן אז ס'איז נישט אמת.

וואס מ'זעהט דא איז איין זאך: 'א בילד וואס זאל ארויסשרייען אמונה, וויל מען נישט ווייזן פאר די קינדער'. און פארוואס, ווייל מ'נעמט געלט. און אויב מ'נעמט געלט איז עס אויס מוסד, איז עס א רעגירונגס אנסטיטושן. די רעגירונג איז די וועד החינוך. די רעגירונג טיילט איין וואס יא און וואס נישט. קען זיין אז מ'פראבירט אביסל אויסנארן, אבער למחצה לשליש ולרביע מוז מען זיך צושטעלן. ווייטער אין די טהרת הקודש מוסדות, דארט גיט מען יא פאר די קינדער בילדער וואס שפריצן ארויס אמונה פון זיך. פארוואס? ווייל מ'זעמיר יודן, און ברוך השם אז מנ'האט נישט קיין נסיון צו טון אנדערש ווייל מ'נעמט נישט קיין געלט.

יעצט ווילן מיר פרעגן דעם עולם: 'זענען טאקע די אלע מוסדות בלי שום שינוי כל שהוא' - לייגט מען טאקע אריין אמונה אין די קינדער אין די אלע רעגירונגס אנטשטאלטן, אדער מאכט מען זיכער אז די קינדער זאלן נישט זעהן קיין בילדער פון אמונה.

די נקודה זעהט מען זייער שטארק בי אלע רעגירונגס מוסדות, אז ביי די בילדער געבן זיי אסאך מער אכטונג אז ס'זאל נישט ארויסשרייען די אמונה דערפון, אסאך מער ווי ביי די ווערטער. ס'קזען זיין אז די סיבה איז ווייל די ווערטער זענען אין יודיש, ס'איז נישט אזוי שטארק בולט פאר די רעגירונג. ס'קען זיין בכלל אז די רעגירונג פארלייגט זיך מער אויף די בילדער ווייל בילדער זענען אסאך מער און שטערקער משפיע אויף די קינדער, איין בילד רעדט מער פון טויזנט ווערטער. איך ווייס נישט וואס די סיבה איז, אבער איך שיהיה, דעס זעהט מען אז 'ביי די בילדער קומט ארויס מורא'דיג שטארק ווי ווייט די רעגירונגס אינסטיטושנס האלטן זיך אפ פון ווייזן בילדער פון אמונה', עד כדי כך אז **נישט נאר אז מ'מאכט נישט קיין בילדער פון אמונה, נאר זיי נעמען בילדער וואס ס'שטייט דארט אמונה און מ'שניידט עס ארויס רח"ל. מ'פראבירט עס צו מינימיזירן, פארוואסערן, אפשוואכן ווי שטערקער מ'קען, אפשר וועלן די קינדער חלילה יא אויסוואקסן מאמינים.** עס איז א הימל געשריי ווען מ'טראכט אריין אביסל וואס דא טוט זיך. און ווען מ'רעדט צו מענטשן גלייבט מען נישט. אדרבה, ירא הקהל וישפט, זאל יעדער אליין זעהן וואס דא טוט זיך.

מענטשן פרעגן פארוואס מ'זאגט נישט די נאמען פונעם מוסד? דער תירוץ איז אז ס'איז נישט די נאמען וואס איז קובע, עס איז נישט קיין שום נפקא מינה ווי אזוי דער מוסד הייסט, אויב נעמען זיי געלט, זענען זיי אין זעלבן פעקל.

אונז האב מיר פריער געברענגט דוגמאות פון איין גרויסן היימישן מוסד, יעצט וועל מיר ברענגען דוגמאות פון א צווייטע גרויסע מוסד, אויך א מוסד וואס האט אונטער זיך טויזנטער קינדער. א פערלס מוסד - א מוסד וואס איז זייער שטארק מחזק דעם כפירה'דיגן קאדעש קוריקיולום. לאמיר זעהן ווי אזוי זיי לייגן אראפ דעם סיפור פון יציאת מצרים און אונז וועל מיר זעהן די זעלבע זאך. עס איז הוא השטן הוא היצר הרע הוא המלאך המות. זיי פראבירן אויך מיט די גרעסטע כוחות אז די דיבורים וואס דארפן ארויסברענגען אמונה, זאל זיין צענזורירט. עס זאל ווערן ארויסגעשניטן דערפון א יעדע פיצעלע אמונה אויף א שרעקליכן אופן ה"י.

די רעדע איז דא פון די הגדה פון וואס אונז האב מיר דערפון ארומגערעדט פארגאנגענעם ווינטער שנת תשע"ב. די סוקראטישע הגדה וואס מ'האט אהיימגעשיקט מיט די מיידלעך פארגאנגענעם פסח. אונז גיי מיר אבער נישט רעדן דא פון אלטע זאכן, אונז גיי מיר נישט דא רעדן פון זאכן וואס אונז האב מיר שוין גערדט דאן, נאר פון נייע זאכן וואס זיי האבן פריש אריינגעלייגט אין די הגדה פארגאנגענעם יאר שנת תשע"ב, מ'כלומר'שט, ווייל זיי האבן געוואלט מתקן זיין. זיי האבן טויזנט מאל ערגער געמאכט. די מכלומר'שטע תיקונים איז מחזק און ברענגט ארויס אסאך שטערקער אז דא רעדט מען נישט פון קיין טעותים, דאס איז נישט די רעדע פון עפעס א צופאל, נאר אלעס איז בכונה מכיונת.

אויב דער עולם געדענקט נאך האב מיר אונז פאראיאר ארומגערעדט פון א סוקראטישע הגדה וואס מ'האט אום שנת תשפ"א איבערגעמאכט און מ'האט עס אנגעפולט מיט גויאישע בילדער, ברייון, די רוימישע טיאטער, בצאת ישראל ממצרים אין מאנהעטן, און די עמפייער סטעיט בילדונג. אין די ערשטע מהדורא האט מען געהאט אויך די *סטעטשו אוו ליבערטי*, דאס האט מען ארויסגענומען אום שנת תשפ"ב. זעהט אויס אז מ'האט אזויפיל פארפירט אז געוויסע שינוים האבן זיי געמאכט. בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים אין די *קאפי שאפ* אין ברוקלין. מיר האבן דאן מסביר געווען אפס קצהו פון די מינות וכפירה מיט די גויאישקייט וואס ליגט אין די הגדה. ס'איז נאך געבליבן אסאך צו רעדן דערפון אבער נישט פון דעם ווילן מיר יעצט רעדן. בתוך הדברים האבן מיר אויך געפרעגט א שטארקע קשיא: וואו זענען די מכות נעלם געווארן. מ'מאכט א הגדה מיט די אלע סארטן גויאישע בילדער, די רוימישע טיאטער, די רוסישע קרעמלין, די בנינים פון ווארשע, דער מיניסטער פון דייטשלאנד, די ברוקלין ברידש, די צוויי רעדל'דיגע בייק, אויף אלעם איז דא פלאץ אין די הגדה, אבער בילדער פון די מכות וואס אויף דעם איז די הגדה געשטעלט, איז נישטא. עס איז פשוט נישט דא - נישטא קיין בילדער פון די מכות. אויף דעם איז נישטא קיין פלאץ? דעס איז געווען איינע פון די קשיות וואס אונז האב מיר אויסגעשמועסט בתוך די שיעורים פארגאנגענעם ווינטער.

די קשיא וואס האט באמת נישט קיין תירוץ, האט געלייגט א אויסערגעווענליכן לחץ אויף די בעלי הגדה אז מ'מוז דא עפעס טון. מ'קען עס נישט לאזן אזוי. זענען זיי אויפגעקומען מיט א געוואלדיגע המצאה: 'מ'גייט איבערמאכן די הגדה - און אין די צווייטע הגדה וועט מען שוין יא אריינלייגן בילדער פון די מכות'. נישט אז מ'וועט ארויסנעמען דעם רומישן טיאטער מיטן קאפי שאפ - ניין. א הגדה אן א קאפי שאפ - וואסערע הגדה איז עס, דאס קען מען נישט, אבער עכ"פ, מ'וועט אריינלייגן מכות אויך. און אזוי וועט מען קענען זאגן אז אין די פריערדיגע מהדורא איז עס פשוט ארויסגעפאלן בטעות. ס'איז געווען אנגעגרייט פעק און זעק - פונטן מיט פאפיר איז געווען אנגעגרייט פאר די מכות, נאר ביים דרוקן איז עס ארויסגעפאלן, און יעצט האט מען זיך געכאפט און מ'האט עס פאראכטן. מ'האט עס אריינגעשטעלט און אזוי וועט מען אפשר קענען בארואיגן די געמיטער און אפשטעלן דעם שטורעם.

פאראיאר תשפ"ב איז ארויסגעקומען א נייע מהדורא, און א טאטע האט מיר עס תיכף ומיד אריינגעשיקט, אז דעס האט מען יעצט געגעבן, זיין טאכטער האט עס אהיימגעברענגט. קוקנדיג האב איך געזעהן געוויסע שינוים, אבער ביסודו איז עס געבליגן די זעלבע סוקראטישע הגדה מיט די טריפה'נע בילדער, די טריפה'נע ברייון. מ'האט געטוישט אביסל, מ'האט געלייגט די ברייון נישט ממש אויפן פלאץ נאר ביים סוף, מיט נאך קליינע שינוים. די סטעטשו אוו ליבערטי האט מען ארויסגענומען, די צוויי רעדל'דיגע בייק האט מען ארויסגענומען, די קאפי שאפ איז געבליבן. און בכלליות, די סוקראטישע צורה איז געבליבן. זיי האבן בלויז געטוישט קלייניקייטן כדי אפצושטעלן דעם שטורעם.

איינס פון די זאכן וואס זיי האבן געטוישט איז געווען אז זיי האבן אריינגעלייגט איין עמוד מיט בילדער וואס דעס דארף צו זיין בילדער פון די מכות. און נישט נאר האט מען געשריבן די מכות נאר מ'האט אויך געמאכט אזא מין תשובת המשקל אז מ'האט צוגעשריבן אז די צען מכות איז מידה כנגד מידה. יעדע מכה איז געווען אקעגן א מידה. און אזוי ארום האבן זיי געהאפט אז די מרקחה וועט זיך אפשטילן און מ'וועט קענען ווייטער ממשיך זיין לערנען די סוקראטישע ברייון הגדה.

נו - וויל דאך שוין יעדער זעהן די בילדער פון די מכות וואס יעצט וועט מען זיך שוין איינמאל פאר אלעמאל איבערצייגן אז די ברייון הגדה איז ממש דורכגעווייקט מיט אמונה, ס'שפריצט ממש ארויס פון יעדן בילד די געוואלדיגע יד החזקה מיטן זרוע הנטויה, מ'וועט זעהן ווי אזוי פרעה מיט די מצריים האבן געזאגט דעם מי ה' אשר אשמע בקולו און יעצט האבן זיי זיך איבערצייגט כי אני ה'. לאמיר טאקע זעהן. כ'האב מיר מיטגעברענגט די קאפיס, און לאמיר זעהן די מתוקן'דיגע בילדער וואס מ'האט געטון.

אלע מכות האט מען געלייגט אויף איין דף. אלע מכות אויף וואס מ'האט געהאט די מורא'דיגע טענות, איז געלייגט געווארן אויף איין עמוד מיט קליינע מכות. מיר וועלן עס אויסשמועסן באריכות, אבער לאמיר קודם זעהן בקיצור. וואס האט מען געלייגט, וואס זענען די בילדער?

ביי דם זעהט מען א גלאז וואס זיי זאגן אז ס'איז בלוט. אויבן אויף זעהט עס אויס ווי א גלאז קאלע וואסער. ביי צפרדע זעהט מען איין פראש. כנים איין לייזעלע. ערוב איז שוין דא 'צוויי' חיות. א עלעפאנט מיט א קליינע טייגער נעבן דעם. ביי דבר-א-מארד, זעהט מען שטאל, א בודקעלע,

באנגעלוי. שחין-בלאטערן, וואס זעהט מען? צוויי באנדאדשן. ברד-האגל, זעהט מען צוויי שטיינער מיט א קליין פייערל. איינער קען מסביר זיין וואס האט דאס מיט האגל. ארבה איין היישעריק. אזוי ווי אין די קאנטרי, ס'קוויטשעט אמאל. חשך-טונקל, א לייט באלב. מ'זעהט די לייט באלב אנגעצונדן און ס'שיינט ארום. מכת בכורות, איז א בילד - מ'קען זאגן אז ס'איז א מצבה, ס'שטייט נישט גארנישט אויפגעשריבן דערויף. מ'קען זאגן אז דאס איז די *העדבאַרד* פון א בעט, אדער די אנלענער פון א בענקל.

יעצט שטעלט זיך די שאלה אזוי: 'קען איינער אפשר מסביר זיין וואס האבן די בילדער מיט די מכות. דעס איז אפשר א דיגשאנערי, אפצוטייטשן, דם בלוט. און ווען דער דיגשאנערי-באנוצער וויל וויסן א בילד ווי אזוי עס זעהט טאקע אויס בלוט, איז דא א בילד אין די זייט וואס האט אין זיך עפעס א געטראנק וואס קוקט אויס גראדע זייער אפעטיטליך, עס קוקט ענדערש אויס ווי רעסבערי סאדע ווי איידער בלוט, אבער לאמיר שוין זאגן אז ס'איז בלוט - עס איז אבער נישט קיין מכות.

די בילד פון צפרדע איז אפשר גוט פאר א ענצוקלופידיע, ווען מ'וויל וויסן ווי אזוי עס זעהט אויס א פראש, וועלן איך דיר ווייזן ווי אזוי עס זעהט אויס א פראש. מיט מכות האט עס נישט קיין שייכות.

די בילד ביי ערוב, איז אויך א שיינע בילד ווי אזוי עס זעהט אויס א עלעפאנט מיט א קליינע טייגער דערנעבן, אבער נישט דעס איז ערוב. די בילדער פון די מכות וואס מיר האבן יעצט דערמאנט, טראץ די לעכערליכקייט דערפון איז עס עכ"פ די בילד פון די מכה, אבער אסאך פון די בילדער ווייזן דאך נישט אפילו די בילד פון די זאך. לאמיר זעהן – שחין-בלאטערן - נו וויל מען דאך זעהן בלאטערן, אנשטאט בלאטערן זעהט מען א באנדאדש. א באנדאדש איז דאך נישט קיין שחין. אדער ביי דבר-א מארד. נו, א מארד איז דאך טויטע בהמות, דארף מען זעהן אויסגעשטרעקט פגרים בפישוט ידים ורגליהם. דערוויייל ניין, א בילד פון עפעס א קליינע שטאל אדער א בודקע. אחוץ דעם פאקט וואס דאס ווייזן א בודקע ברענגט בכלל נישט ארויס די מכה, איז עס גאר פארקערט פון ווי אזוי עס איז געווען, ווייל די בהמות וואס זענען געבליבן אינעווייניג זענען דוקא נישט געשטארבן. און ווייטער ברד-האגל, מיט די בילד פון צוויי שטיינער מיט א פייערל וואס ברענט, איז גאר א דבר פלא. ברד איז דאך האגל וואס איז געקומען פון אויבן אויף אראפ, און די פייער ברענט פון אונטן אויף ארויף. וכאן הבן שואל: 'וואס האט די בילד מיט האגל',

ס'האט דאך אפילו נישט די ענליכקייט פון האגל וואס קומט פון אויבן אויף אראפ.

קען איינער מסביר זיין וואס איז די פשט פון די בילד ביי חושך. חשך-טונקל, און א בילד פון א איינצעלנע אנגעצונדענע *לייט באלב*. א געלע באלב מיט שטראלן ארום און ארום. יעצט, די שאלה איז אזוי - חשך איז דאך טייטש טונקל, א בילד ביי חשך דארף דאך ווייזן טונקלקייט. לאמיר שוין גיין לשיטת די דאזיגע בעלי הגדה וואס מ'זעט אז זיי ווילן בשום אופן נישט ווייזן קיין בילדער ווי אזוי די מצריים באקומען מכות. זעט אויס אז זיי האלטן אז די קינדער קענען ווערן טראמאטיזירט ווען מ'זעט ווי אזוי בהמות זענען געשטארבן, אדער: אויב די קינדער וועלן זעהן ווי אזוי די היישעריקן עסן אויף די גאנצע תבואה וועלן זיי נישט קענען שלאפן די נעקסטע זעקס וואכן, אבער סוף כל סוף דארפסטו דאך מאכן א בילד פון טונקלקייט נישט פון לעכטיגקייט. מאך כאטש א בילד פון א ארויסגעדרייטן לאמפ.

אפילו לשיטת די בעלי הגדה וואס מאכן די בילדער כפי אז חשך איז א בלעקאוט, די לייט האט נישט געארבעט רח"ל (איי פארוואס איז געווען טונקל בייטאג? איך ווייס נישט.) אבער אפילו לויט זייער כפירה'דיגער צוגאנג, דארף מען דאך ווייזן חשך - טונקלקייט. מ'זעט דא אז זיי האבן געמאכט א משמרת למשמרת. זיי אנטלויפן אזוי ווייט פון די מכות, אז משום גדר וסייג נישט צוצוקומען צו מאכן עפעס א בילד פון א מכה, האט מען גאר געמאכט א בילד וואס שיינט, א בחינה פון להרחיק מן הכיעור ובדומה לו.

וואס האט דעס ביכל מיט מכות. עס קוקט אויס ווי א *סייענס בוק*, א סטעם ביכל. א ביכל וואס איז מסביר עלעקטריק. אפשר וויל ער ווייזן אז דאס האט טאמא עדיסאן אויסגעטראפן. אבער דעס איז נישט קיין הגדה של פסח וואס ברויך ארייגלייגן אמונה.

אין די בילדער זעט מען אזוי: עס איז נישטא קיין איין מצרי, און עס איז ניטאמאל דא קיין אבר פון א מצרי. נישטא קיין האנט קיין פוס, גארנישט. אפילו א בעט פון א מצרי. לאמיר זאגן אז מ'טאר נישט מאכן קיין בילד פון א מצרי, מאך א בעט פון א מצרי וואס איז פול מיט פרעש גארנישט. סתם בילדער וואס האט נישט קיין שום שייכות מיט די מכות. ס'לאזט זיך ממש נישט גלייבן ווען נישט וואס דער ביטערער מציאות פאטשט אין פנים

נאך א מאדנע זאך. חוץ די עצם זאך אז די בילדער ברענגען בכלל נישט ארויס פון דא עפעס א מכה, ס'איז

ענדערש א דיגשאנערי, אפילו דאס אויך נישט, איז דא נאך אפאר אינטערעסאנטע זאכן. איינס, אז געוועגליך אלע אנדערע הגדות וואס האבן בילדער פון מכות, איז יעדע מכה א באזונדערע עמוד. די קינדער שפיל הגדה וואס זיי זאגן אז זיי האבן רשות צו נעמען פון דארט בילדער, פארנעמט דארט יעדע מכה א גאנצער עמוד אדער עטליכע עמודים. יעדער עמוד ברענגט ארויס דעם את אשר התעללתי במצרים ווי זיי האבן אריינגעכאפט שפטים גדולים. יודן האבן געלאכט, יודן האבן געזעהן ווי די מצריים באקומען זייער ערליך פארדינטע שטראף, און דעס אלעס האט זיי מקרב געווען צום באשעפער. ס'האט אנגעפולט די הארץ פון יעדן יוד מיט אהבה צום באשעפער, וואס האט אונז אויסדערוועלט אלס זיין פאלק. און אויף דעם איז דא שיינע גרויסע קאלירטע בילדער פון די מצריים מיט די פארפייניגטע געזיכטער, און דער יוד מיטן שמייכל אויפן פנים. און דא אין דעם מייסטערהאפטע רייכע הגדה ווי זיי באטיטלען זיך אין די הקדמה, אז דאס איז א 'מייסטערהאפטע און רייכע הגדה ווי די קינדער זאפן זיך אן מיט אמונה'. דא זענען אלע צען מכות אויף איין עמוד. און יעדע בילד איז גרויס בערך ווי א פעני אדער אפשר נאך ווייניגער. און באמת פארוואס טאקע נישט. אויף צו מאכן א בילד פון א איין איינציגע לייז, סתם צו האבן א בילד ווי אזוי א לייז זעהט אויס, איז געגוג א בילד פון א אינטש אויף א אינטש, פארוואס מוז עס זיין גרעסער. די בילדער פון די עמפייער סטעיט בילדונג ביי די אנטיק בריוון, די בילדער פונעם רומישן טיאטער, פונעם קאפי שאפ, דעס איז אויף א האלבע עמוד, דעס דארף מען זעהן. אבער מכות דבר, בעסער געזאגט, דעם בילד פון דעם באנגעלוי אדער שטאל וואס דארף צו הייסן מכת דבר, דארט איז די בילד קלענער פון א פעני. דאס מיינט אז אפילו די בילדער פון די 'נישט מכות' (עס איז דאך נישט קיין "מכות", עס איז "נישט-מכות"). האט מען אויך זיכער געמאכט אז ס'איז ח"ו נישט צו גרויס.

אויך זעהט מען א פלא, אז אפילו די נישט-מכות איז ממש א מינימום. איין פראש, איין גלאז בלוט, איין לייז. שחין איז שוין געגאנגען איבער די מאס, צוויי באנדאדשן. (האט מען עס אויך געמאכט איינס אונטער די אנדערע ווי איינס איז האלב פארדעקט, נישט איינס נעבן די אנדערע – מ'זעט סך הכל אנדערהאלבן...) איין שטיקל מציבה ביי מכת בכורות, איין שיינענדיגע באלב ביי חשך, איין הייעשריק ביי ארבה, איין שטאל ביי דבר. מ'זעט אז אפילו די כלומר'שטע מכות בילדער האבן זיי אויך נאר געמאכט ווייל זיי האבן נישט געהאט קיין ברירה, מ'האט געדארפט מאכן עפעס כלומר'שטע מכות אפצושטילן דעם רעש, האט מען געמאכט ממש די מינימום, ההכרח לא יגונה.

און דער עולם דארף נישט פארגעסן: 'אין די בילדער זאפט מען זיך אן מיט אמונה'. אזוי שרייבן זיי דאך אין די הקדמה: "די עלטערן גייען שעפן הויפענעס נחת באטראכטענדיגע מיט א טיפערן בליק די מייסטערהאפטע רייכע הגדה אנגעפולט מיט הויפענעס אמונה". די קינדער זעהן א בילד פון א באנדאדש און זיי ווערן אנגעפולט מיט אמונה. זיי זעהן א קליין פייערל ברענט פון אונטן אויף ארויף, ס'האט נישט קיין שום ענליכקייט צו האגל און די אמונה פלאצט שוין ארויס. א ברענענדיגע באלב ביי חשך, דאס איז שוין ממש די יראת שמים פון רבי ר' בער. און אויף דעם שרייבט מען: 'די עלטערן גייען שעפן נחת'.

אונז גיי מיר שוין נישט אריין אין די ווערטער מיר האבן בלויז ארומגערעדט פון די בילד. די ווערטער אליינס וואס זיי שרייבן דארט. עס איז נישטא קיינ איין איינציג מאל ביי קיין איין מכה, אבער קיין איינס נישט, וואס דערמאנט אז דער באשעפער איז דער וואס האט געברענגט די מכה, רח"ל. ס'איז שווער צו זאגן. מ'קען ממש נעמען די גאנצע בעקיטשע און עס צורייסן. די חרטומי מצרים, ווען זיי האבן געוואלט באריכטן די נייעס, (זיי האבן דאך עפעס געמוזט באריכטן), האבן זיי עס באריכטעט אויף דעם אופן ווי עס שטייט אין די הגדה. נאכמער, די חרטומים האבן מודה געווען 'אצבא אלוקים הוא'. דער רמב"ן זאגט טאקע אז זייער כונה איז געווען צו זאגן אז ס'איז בלויז געווען א אצבע נישט קיין יד - זיי האבן פראבירט אוועקצומאכן. אבער די בעלי הגדה זענען נישטאמאל מודה אויף אצבע אלוקים - אפילו דעס.

מ'זעט דא אז דער יסוד, דער שורש, די מטרה פון די מכה וואס עס דארף ארויסברענגען דעם למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ, דעם יסוד האבן זיי ארויסגעשניטן, פון דעם זענען די בעלי הגדה אנטלאפן ווי פון פייער. קיין איין איינציג מאל ווערט נישט דערמאנט אפילו בטעות אז דער באשעפער האט דא עפעס געמאכט. השם ישמרינו, ס'איז אלעס א קרי - טבע. "די וואסער איז געווארן בלוט. ס'איז געווארן לייזיג." עס איז געשען - זאכן זענען געשען... ווער האט אבער געברענגט דעם שטראף, ווי אזוי איז געקומען די שטראף, דער באשעפער האט זיי געווארנט, דער באשעפער האט דא עפעס געטון. דער באשעפער האט געשיקט פאר דעם א נביא ה', משה רבינו זאל זאגן פאר דעם וואס עס גייט קומען און ס'איז געווען פונקטליך אזוי. דער אייבישטער האט דא באוויזן נסים ונפלאות. די אלע

זאכן וואס אונז ווייס מיר, דאס איז דאך דער יסוד פון אונזער אמונה, אויף דעם האבן אונזערע עלטערן זיך געלאזט פארברענען. עס איז נישטא פון דעם קיין רמז ורמיזה. דעס הייסט א הגדה, וואס שטאפט אן הויפענעס פון אמונה און דאס איז אלעס בלי שום שינו כל שהוא און מ'איז נישט משנה גארנישט, און נעמען געלט מאכט נישט אויס גארנישט, שפילט נישט קיים ראלע, ווייל אפילו מ'נעמט נישט קיין געלט וואלט מען אויך געמאכט אזוי די הגדה. דעס ווילן זיי זאגן, אז אפילו מ'נעמט נישט קיין געלט וואלטן זיי אויך געמאכט אזוי די הגדה – לאמיר האפן אז מ'האלט נאך נישט דארט.

עס איז דא א ווארט פון ר' יהושע קראלער וואס ר' משה אריה ז"ל פלעגט אלץ נאצוזאגן אויף וואס מ'זאגט אין די הגדה 'ולפי שהוציא עצמו מו הכלל כפר בעיקר'. פארוואס איז ער א רשע, דער חכם פרעגט דאך אויך מה העבודה הזאת. נאר דער רשע האט ארויסגענומען דעם עצמו. עצמו מיינט דעם באשעפער. דער חכם דערמאנט יא דעם באשעפער און דער רשע נישט. ווען זיי זאלן ווען שרייבן ערגעץ פארדעם און נאכדעם און אינמטן אז דער אייבישטער האט געברענגט די מכות, דער אייבישטער האט געוויזן פאר פרעה: די קענסט גארנשט, דו ביסט גארנישט, דער גאנצער רוח זאל לויפן אויף דעם אז דער אייבישטער האט אנגעלערנט די מצריים, דער אייבישטער האט געוויזן וואס ער קען. דו פרעגסט מי ה', איך וועל דיר ווייזן מי ה' - נו, אויב עס האט זיך אדורכגעגליטשט די אלע פלעצער וואס מיר האבן דערמאנט וואלט עס אויך געווען אן עולה, אבער החרשתי, אבער נישט צו דערמאנען קיין איין מאל אז דער באשעפער איז דער וואס האט געמאכט די מכות. אונז האלט מיר נאך פאר די בילדער, אונז האלט מיר נאך ביי די ווערטער וואס זיי שרייבן. זיי ווילן דאך מכלומר'שט ארויסברענגען די גרויסקייט פון באשעפער אז אלע מכות זענען געווען מידה כנגד מידה, נו שרייב עס אזוי ווי עס שטייט אין די תורה. ווי אזוי שטייט אין די תורה די מידה כנגד מידה, אין פרשת שמות זאגט דער אויבישטער פאר משה: גיי צו פרעה און זאג עם בני בכורי ישראל האומר אליך שלח את בני ויעבדני ותמאן לשלחו הנה אנכי הורג את בנך בכוריך, איך בין דער וואס הרג'ט. און ווען די מדרשים רעדן פון מידה כנגד מידה שטייט: דער אייבישטער האט עס געברענגט. אלו עשר מכות שהביא 'הקדוש ברוך הוא' על המצרים.

דער אמת איז: דער גרויסער הייליגער באשעפער, דער תקיף ובעל היכולת כולם, ער איז דער וואס האט באשטראפט פרעה. אין די וואכעדיגע סדרה ווען יתרו האט גערעדט צו משה רבינו האט ער ארויסגעברענגט: עתה ידעתי כי גדול ה' מכל האלהים, ווי אזוי ווייסט ער דאס, כי בדבר אשר זדו עליהם, ווייל דער באשעפער האט זיי געשטראפט די מידה כנגד מידה. דער הבה נתחכמה לו למושיען של ישראל לדונם במים איז ניישט געלונגען - דער באשעפער האט זיי דערטראנקען אין ים סוף. וואס איז אבער ווערט צו שרייבן מידה כנגד מידה אויב מ'איז משמיט ווער עס האט דאס אלעס געטון. ס'איז דא די פאקטן וואס מ'זאגט אז דאס איז עס, דער אייבישטער האט עס געטון, נאכדעם איז דא די *אפיניען* (מיינונג). דער וועג פון קריטיקעל טינקינג מיינט דאך אז: דו זאגטסט דיין אפיניען אז ס'איז געקומעט מידה כנגד מידה, מאן יימר. ווי לאנג מ'איז נישט מודה אז דער אייבישטער האט עס געמאכט, וואס איז ווערט די גאנצע מידה כנגד מידה. ס'איז געזאגט לשיטתם הטמאה הכופרת, כאילו ס'איז עפעס געשען פון זיך אליינס ח"ו, און אויף דעם קומט א צווייטער און זאגט פארקערט. ס'איז געווען איינער וואס האט זיך פארטשעפעט מיט א רבי און נאכדעם האט ער געהאט א עקסידענט, זאג איך אז ס'איז געשען וועגן די הקפדה פונעם רבי'ן. מאן יימר - אדער יא אדער ניין.

וואס איז טאקע דער פשט אז די בעלי הגדה האבן אויס געלאזט דעם עיקר. בעסער געזאגט, נישט דער עיקר, די גאנצע זאך. דער יסוד פון סיפור יציאת מצרים איז - והיה כי ישאלך בינך מחר לאמר מה זאת ואמרת אליו בחזק יד הוציאנו "השם" ממצרים, דער אייבישטער האט אונז ארויסגעצויגן פון מצרים. וידעתם כי אני השם המוציא אתכם מתחת סיבלות מצרים,. די מכות איז עפעס געשען ח"ו פון זיך אליין. ס'איז געווען טונקל - זיי האבן געהערט די קולות פון די פרעש - זיי זענען געווארן לייזיג - זייערע בהמות זענען אויסגעשטארבן. דעס איז דאך געשריבן ממש אויף די נוסח פון אלע אפיקורסים, כאילו זאכן געשעהט, ס'פאסירט. די אפיקורסים וואס האבן באמת כופר געווען אין מציאת השם, האבן אויך מודה געווען אז ס'איז געווען אימצרים די אלע מכות. זיי האבן אויך געוואוסט אז ס'האט נישט קיין פשט צו לייקענען זאכן וואס איז גלוי וידוע לכל. נאר וואס דען, זיי האבן כופר געווען אין דעם וואס אונז ווייס מיר אז דער אייבישטער האט עס געמאכט. די אלע מינים און כופרים האבן דערציילט די מכות אזוי ווי ס'שטייט דא אין די הגדה. 'עס איז געקומען האגל – די היישעריקן האבן אויפגעגעסן די תבואה, זיי זענען געווארן לייזיג, די בהמות זענען אויסגעשטארבן, אלעס איז געשען פון זיך אליין. צו מיט כישוף צו מיט אנדערע תחבולות וואס משה רבינו האט געמאכט. אט דער נוסח שטייט אין די דאזיגע הגדה.

די אזויגערופענע הגדה איז נישט געמאכט געווארן בלויז צו ווייזן פאר די רעגירונג. יא, מ'זאגט פאר די רעגירונג אויך אזוי. דער אפיקורסישע קאדעש קוריקיולום איך אויך אויסגעשטעלט אויף דעם נוסך: 'ס'האט זיי באטראפן מכות', אבער דא רעדט מען פון זאכן וואס מ'לערנט שוין. דאס האט מען אהיימגעשיקט מיט קליינע מיידלעך פון די פערטע קלאס, זיי לערנט מען אויס די אלע כפירה רח"ל. אזוי לערנט מען אין די אלע היימישע פערלס מוסדות, פונקט ווי די אלע אפיקורסים. אגב, למען האמת, איין איינציג מאל איז דא אין דעם גאנצן קונטרס ווי עס ווערט יא דערמאנט דער אייבישטער, ביי מכות ברד. אבער מ'זאל זיך בארואיגן - עס שטייט נישט דארט אז דער אייבישטער האט געברענגט האגל, ניין, אזעלכע ווערטער איז בבל יראה ובל ימצא אין דעם בלעטל פון די הגדה, וואס דען שטייט - מ'רעדט דאך פון מידה כנגד מידה, וויבאלד פרעה האט נישט געוואלט אויסהערן די קול פונעם באשעפער, דערפאר איז געקומען די האגל מיט מורא'דיגע קולות. דעס וואס די האגל איז געקומען איז שוין ווייטער געשריבן מיט א נוסח אז ס'זאל אויסקומען אז ס'איז געקומען פון זיך. מ'לאזט דיך טייטשן אז ס'איז געקומען וועגן דעם. מ'האט נישט קיין פראבלעם צו שרייבן מידה כנגד מידה ווילאנג מ'זאגט נישט ארויס דעם אמת אז דער אייבישטער האט עס געמאכט. ווען די זאגט אז 'דער באשעפער האט עס געמאכט', דעס שטערט פאר די מינים וכופרים, אויב דו זאגט אז ס'איז געקומען פון זיך, דו זאגסט נישט ווער ס'האט עס געמאכט, דו זאגסט נאר אז ס'איז געקומען פאר א עונש פער דעם און דעם, ווייל פרעה האט נישט געוואלט אויסהערן דעם באשעפער - דעס שטערט זיי נישט.

דער סך הכל, ווען מ'קוקט אן דעם גאנצן בלאט זעט מען אז דעס וואלט רואיג געקענט אדורכגיין ביי אלע אפיקורסים. קיין איינע פון די אפיקורסים וועט נישט האבן קיים שום פראבלעם מיט דעם בלעטל. נישט נאר דאס, זיי וועלן זיך זייער פרייען אז מ'האלט שוין דא אז אין די שענסטע מוסדות לערנט מען די מכות אויף אזא וועג רח"ל.

אגב איך וויל זאגן א מורא'דיגע נקודה וואס איז זייער וויכטיג צו כאפן, ווייל רעדנדיג צו מענטשן האבן איך געזעהן אז דא שטעקט א גרויסן טעות פון מענטשן, מ'כאפפט נישט די עומק ההשחתה וואס דא ליגט. ווען מ'קומט צו צו א יוד און מ'הויבט עם אן מסביר צו זיין: "קוק וואס דא טוט זיך, אפענע זאכן". הויבט ער אן צו זאגן: "עה, יעדער ווייסט דאך ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט ווען די יודן זענען אדורך דעם ים סוף". דער יוד כאפט נישט איין זאך - ער איז א יוד פון זיבעציג יאר, ואם בגבורות שמונים שנה. ער האט אלע יארן געלערנט די מכות מיט קריעת ים סוף אויפן ריכטיגן וועג, ביי עם איז עס אזוי איינגעווארצלט. ער האט עס געהערט פון זיין טאטע, ער האט געלערנט ביי זיינע מלמדים יראת שמים, ער האט געזעהן די בילדער. ביי עם איז עס אזוי איינגעווארצלט אז ווען ער זעהט א בילד ווי עס פעלן די יודן וואס גייען אדורך דעם ים, כאפט ער אפילו נישט אז ס'פעלט. דא רעדט מען פון קליינע קינדער, דא רעדט מען פון קינדערגארטן קינדער, מ'רעדט פון קינדער וואס זענען אלט פיר פינעף יאר - "יעצט לערנט מען זיי אויס די מכות". יעצט לערנט מען זיי אויס קריעת ים סוף. אפילו דא ביי די הגדה ווי עס איז עלטערע קינדער, רעדט מען סך הכל פון די פערטע קלאס - אפילו צען יאר, 'לכתחילה לאזט מען זיי נישט צו - צו די יסודות'. מ'לאזט זיי נישט צו - זיי זאלן ווערן מאמינים רח"ל. מ'זעט אמאל א יוד מיט א לאנגע ווייסע בארד און ער ווייסט נישט וואס מ'וויל. **'קריך אריין אין מח פון קינד'.** די מינים וכופרים די אפיקורסים, די עדיוקעישאן דעפארטמענט ווייסן זייער גוט וואס זיי ווילן. זיי ווייסן אז דער עיקר חינוך איז ביי די קליינע קינדער און דארט לייגן זיי דעם עיקר דגוש. די העד סטארט מיט יו פי קעי מיט די אלע שמות הנרדפים וואס איז דא ביי די גאנץ קליינע קינדער, דארט מאכט די רעגירונג זיכער אז מ'זאל נישט אריינלייגן אין די קינדער אמונה. ווייל אויב האט מען דארט נישט אריינגעלייגט, האט מען עם געכאפט אויף שפעטער אויך. און דעס וואס דער נארישער גוי פארשטייט, זאלן אונזערע עם חכם ונבון נישט פארשטיין, מ'הויבט זיך אן אויף דעם ארומצודינגען: עס איז גארנישט, עס איז אהער, עס איז אהין.

ווען מ'קוקט די בילדער וואס זיי שרייבן דא, פארשטייט מען בפשטות אז די סיבה פארוואס זיי האבן געמאכט די בילדער און זענען נישט צופרידן געווען מיט די אלטע בילדער ווי למשל די קינדער שפיל, איז, ווייל די אלטע ברענגט נישט גוט ארויס די נסים ונפלאות וואס דער אויבישטער האט געמאכט מיט די מצרים. דעריבער האבן זיי מחליט געווען נאך א דיון בכובד ראש, ובפרט אז מ'האט געהאט גרויס טענות אז די הגדה האט נישט קיין בילדער פון די מכות, מוז מען זעהן אז ס'זאל קלאר ווערן מסוף העולם ועד סופו אז דא שטייט א באנדע קאנספיראטארן און זוכן בלויז צו לייגן א נאסע ליילעך כדי אונטער צו ברענגען אלע היימישע מוסדות און דאס איז וואס זיי ווילן א גאנצן טאג. זיי זענען א באנדע סוקריקן וואס האבן נישט קיין דשאב, און זענען פארנומען כסדר צו באשמוצן ערליכע מוסדות מיט אלע אנדערע לשונות של גנאי - קיטוניות של שופכין. יעצט וועט מען זיי ווייזן, מ'וועט מאכן אזעלכע בילדער וואס די אמונה וועט שפריצן דערפון.

ס'וועט זיין אזא סארט אמונה, וואס ווער ס'דרייט זיך נאר אין יענע תחום שבת וועט ווערן אנגעזאפט מיט אמונה.

וואס האט זיך ארויסעגשטעלט, וואס האט מען געמאכט נאך דעם גאנצן דיון בכובד ראש, האט דאך שוין דער עולם געזהן, מייסטערהאפטע מכות בילדער. וואס - א באנדאדש, לייט באלב, איין פראש וואס קוויטשעט אין די קאנטרי ביינאכט,

לאמיר פארשטיין וואס דא טוט זיך. די מכות האבן געהאט א מטרה צו איבערצייגן פרעה מיט די יודן אז דער באשעפער איז דער שליט בעליונים ותחתונים. למען תדע כי אני ה' בקרב הארץ. פרעה אליינס האט געוואוסט אז די מכות האט דער אייבישטער געברענגט דורך משה. ווען די צפרדע האט האט זייער געפייניגט האט ער געזאגט: העתירו אל ה' ויסר הצפרדעים ממנו. ער האט געוואוסט צו וועם מ'דארף לויפן: 'איך וועל שוין זיין וואויל נאר נעם אוועק די פרעש'. די זעלבע זאך ביי מכות ברד. ווען ער האט שוין נישט אויסגעהאלטן איז ער געקומען וויינען חטאתי הפעם. ה' הצדיק ואני ועמי הרשעים, בעטס דעם אייבירשטן. און אזוי איז געווען ביי אלע מכות. משה רבינו האט עם געזאט: 'יא - כ'וועל מתפלל זיין, און וואס וועט זיין, הקולות יחדלון'. עס איז געווען זייער קלאר א גאנצן צייט ביי אלע מכות אז אלעס טוט נאר דער אייבישטער.

דער רמב"ן זאגט סוף פרשת בא אז דער אייבישטער האט איינמאל געוויזן אז ער איז דער שליט בעליונים ובתחתונים, ער טוט אלעס. ער האט מגלה געווען אלעס פאר די נביאים פונקטליך וואס עס געשעהט. און דורכדעם איז נתאמת געווארן אלע עקרי האמונה אין מציאות ה' פון שכר ועונש און נבואה. אלע קינדער הגדות ברענגען עס ארויס אין זייערע בילדער יעדער אויף זיין אופן. איינער מאכט די מצריים מיט אזא מאדנעם פנים, א צווייטער מאכט עס אויף א אנדערן סארט אופן, אבער דער געדאנק איז דער אשר התעללתי, ארויסצוברענגען דעם חוזק פון די מצרים

אין ספר הכשרת האברכים פרק ז' רעדט ער ארום אז יעדער דארף זיך פארצושטעלן ווי אזוי ס'האט אויסגעזעהן ווען די קינדער האבן געזעהן פרעה'ן ארומלויפן זוכן משה רבינו. די קינדער האבן עם געזאגט: 'די פרעה, דו האסט געשלאגן מיין טאטע, און יעצט ביסטו חוזק'. דאס זעהט מען אין די אלגעמיינע קינדער הגדה. צו זעהט מען עס אויך אין די "רייכע מייסטערהאפטע קינדער הגדה" וואס איז בלי שום שינוי כל שהוא פון די פערלס מוסדות. ביי חשך ווייזט מען א מורא'דיג בילד: א לייט באלב. צו זעהט מען אז די מצריים האבן זיך נישט געקענט אראפזעצן, און דער וואס איז געזעצן האט זיך נישט געקענט אויפשטעלן, וואס דאס איז איינע פון די עיקר חלק וואס מ'ברענגט ארויס אין די בילדער.

אזוי לערנט מען מכות מיט קינדער. עלטערן שיקן קינדער אין א מוסד, זיך איינרעדנדיג אז די מוסד זענען זייערע שלוחים אריינצולייגן אמונה אין די קינדער, און דערוויל איז עס נישט קיין מוסד נאר א *מאני מעיקינג אינסטיטושן*. עס ארבעט אויף געלט. די קינדער זענען די חפצים און נכסים וואס אויף זיי מאכט מען געלט, און כדי די צינורת הכספים זאל קענען פליסן, מוז מען מאכן זיכער נישט אריינצולייגן קיין אמונה רח"ל.

דאס איז שוין נאכדעם וואס מ'האט איבערגעמאכט די הגדה. לו יהא אז מ'וואלט געקענט אפירקראצן עפעס א תירוץ פאר די ערשטע מאל, אבער יעצט האלט מען שוין נאכן פאריכטן. שוין נאכדעם וואס מיר האבן מאריך געוועהן פאראיאר און אויפגעוויזן אז ס'איז א סוקראטישע הגדה מיט סוקראטישע בריוון און מ'האט געפרעגט די קשיא: מ'האט דאך אויסגעלאזט די מכות. ווי קען זיין אזא זאך א הגדה של פסח וואס מאכט בילדער פונעם עמפייער סטעיט בילדונג, פונעם *סטעשטו אוו ליבערטי*, פון גאנץ מאנהעטן, גרויסע שיינע קאלירטע בילדער. חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים איז געוועהן א חלום פונעם קאפי שאפ אין ברוקלין, יעדער קען עס זעהן. און קיין בילדער פון די מכות איז נישטא. אויף דעם ארויף איז מען געגאנגען פאריכטן אז פסח תשפ"ב האט מע שוין געטוישט, מ'האט איבערגעמאכט די הגדה און מ'האט צוגעלייגט דעם פעידש, דעם עמוד פון די מכות, דאס איז דער תקון, די תשובה אויף אלע קשיות. האסט א פראבלעם מייט די מכות - דא האסטו - הרי שלך לפניך, נאדיר די מכות! אויב דאס איז די מכות איז די קשיא פילפאכיג שטערקער. דאס מיינט אז ס'איז געווען בכוונה, ס'איז נישט ארויסגעפאלן. דאס מיינט אז: "אפילו דו ווילסט עס פאריכטן קענסטו עס נישט פאריכטן, וויל דו ווילסט דאך דא זייער שטארק מאכן מכות, די וואלסט זייער שטארק געוואלט אז די עקסטרעמיסטן זאל שוין זיין צופרידן. דו ווילסט דא עפעס טון אז ס'זאל ס'זאל שוין ווערן שטיל מ'זאל שוין נישט שרייען מ'זאל שוין נישט געוואלדעווען אזוי פיל און דאך האסטו נישט געקענט, ווייל דו קענסט נישט, מבלתי יכולת, פארוואס, וויל די רעגירונג שטייט אויף דיין קאפ ווייל דו נעמסט געלט" (אבער ס'איז נישט קיין

חילוק צווישן א מוסד וואס נעמט יא געלט און נעמט נישט געלט דא אין אמעריקע...)

מ'זעט ווי ווייט די רעגירונג איז שולט אויף די מוסדות אז מ'האט געמאכט א הגדה ווי די גאנצע אמונה, די יסודי הדת, דער שורש פון כלל ישראל דער וידעתם כי אני ה', דער ביד חזקה ובזרוע הנטויה איז אויסגעריסן, ארויסגעשניטן, ארויסגעפליקט. נישטא קיין איין בילד, אבער טאקע קיין איינס נישט וואס ווייזט די גרויסקייט פון באשעפער. עס איז נישטא קיין איין איינציגסטעווארט וואס זאגט אז דער באשעפער האט דא געמאכט מכות, די קינדער ענדיגן דעם גאנצן בלעטל מיט די מכלומר'שטע מכות, אן קיין ריח פון אמונה.

די האר פון קאפ שטעלט דיך ממש אויף, מ'שפירט אז מ'ווערט פארגליווערט. ס'איז נישטא די ווערטער ארויסצוברענגען די שרעקליכקייט וואס דא טוט זיך. מיר האבן דא גערעדט פון צוויי מוסדות מסלתה ומשמנה וואס רוב פונעם היימישן ציבור פון די וואס שיקן נישט די קינדער אין טהרת הקדש מוסדות, שיקן אהין. עס זענען דא אנדערע, קלענערע, אבער נישט אויף דעם גרויסן פארנעם. רעדט מען דאך פון רוב פונעם כלל ישראל, שטייט מען דאך פאר א סכנת כלין רח"ל.

סוף דבר הכל נשמע: אויב וויל ממען אז כלל ישראל זאל נאך האבן א קיום, איז עס נאר דורך אוועקשטעלן מוסדות על טהרת הקודש, מוסדות וואס זאל זיין אפגעריסן און אפגעהאקט און אפגעשניטן פון די רעגירונג. נישט האבן מיט זיי קיין מגע ומשא, לא מיניה ולא מקצתיה.

צו האט נאך איינער א קשיא, איינער פרעגט נאך פארוואס מ'דארף טהרת הקודש מוסדות, ס'איז נאך א וואונדער, ס'איז נאך א פלא,

זאל דער אייבישטער העלפן ס'זאל שוין נתרומם ווערן דער קרן התורה וישראל ס'זאל מקוים ווערן דער כי לא תשכח מפי זרעו, מ'זאל מיר אלע האבן די זכיה צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות און זוכה זיין אלע אינאיינעם צו ביאת משיח צדקינו בב"א.